שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ ״אחד״

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה״צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

מאמר

**׳רצונות וכיסופים׳**

הכנה לפורים

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ט״ו

חודש אדר שנת תשפ״ג לפ״ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

©
כל הזכיות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


"וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם" ............ א
"יָמִים יֻצָּרוּ" ............ ב
רצון – דאס קען יעדער איינער! ............ ב
"הכל בתר רישא גרירא" ............ ד
געלעגן ממש אין קודש הקדשים ............ ו
דער ריכטיגער נצחון ............ ז
וואס האט ער געקענט טוהן אין א רגע? ............ ח
"וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" – בתוך כל אחד ואחד! ............ י
געקענט איינשפאָרן אזויפיל ארבעט ............ יא
פארוואס אַרט דאס אים?! ............ יב
דביקות – אפילו קודם התשובה ............ יד
אפילו ער טראכט פון ביזנעס ............ טו
לאז אים נאר אריין! ............ טז
תורה מגנא ומצלא ............ יח
אָן קיין עצבות ............ יט
ער איז נישט אונזערער ............ כא
די ערגסטע מידה ............ כב
"אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ" ............ כג
וואס קען מען הייסן א שיכור טוהן? ............ כד
לאז גריסן דעם לויָתן... ............ כו
זיין אויסערגעווענטליכע הצלחות ............ כז
געגעבן משלוח מנות נאך פאר פורים ............ כט

# מאמר ט"ז

## רצונות וכיסופים
### הכנה לפורים

**"וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם"**

דער בעל שם טוב האט אמאל גערעדט לפני תלמידיו פון דער זאך וואס דאס איז געווען דאס לעבן פון בעל שם. עס איז פארהאן א חז"ל[א] אויפן פסוק[ב]: "**וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם**" - 'ואתה מהווה את כולם', דער אויבערשטער האלט דאס אין איין מהוה זיין, קיין זאך האט נישט קיין קיום אָן דעם אויבערשטן! דער אויבערשטער איז מהווה דער וועלט, ער איז מחיה דער וועלט, מהווה דער וועלט און פועל דער וועלט, אלעס טוהט זיך פונעם אויבערשטן אליין.

האט ער דאס זייער שטארק גערעדט מיט א געוואלדיגן קלארקייט, מיט א געוואלדיגע אמונה. איז געשטאנען א קרוג אויפן טיש, האט ער געזאגט, "עטץ זעהטס דעם קרוג?!" עס איז געווען א כלי חרס. "דער אויבערשטער האלט עס אין איין מחיה ומהווה זיין. אז דער אויבערשטער זאל אפטוהן פון דעם די השגחה, איז עס גארנישט, ווערט עס אויס, עס איז אלץ פון אויבערשטן בכל עת ורגע". ער האט אזוי גערעדט פון דעם ביז 'לעיני כל' איז דאס געווארן 'נישט', נעלם געווארן פשוט.

---

**א.** הובא בפרדס רימונים שער ו' פ"ח.

**ב.** נחמיה ט, ו.

בדבריו האט דער אויבערשטער ארויסגענומען דעם חיות און עס איז געווארן בפועל אז דער קרוג איז געווארן 'נישט' לעיני כולם, און 'ראו וכן תמהו'.

## "יָמִים יֻצָּרוּ"

מיר האבן גערעדט דעם שבת אז דער שבת איז כלול פון דער וואך (הבא), שבת איז כלול פון דער גאנצער בריאה, וכל שכן פון דער וואך. אז עס קומט אזא יום טוב אין דער וואך (פורים), איז שבת כולל דעם גאנצן יום טוב, עס איז דא א פורים, שבת, וכל שכן 'שבת-זכור', וואס משורש איז שוין באשאפן געווארן דער פורים, עס איז שוין דא אין דעם שבת, דער אויבערשטער האט דאך דאס באשאפן, "**יָמִים יֻצָּרוּ**" [ג].

מען האט עס געזעהן בפועל ממש, אונזער פורים רב האט גערעדט א פורים (תורה), ממש ווי פורים נאכמיטאג, ווי נאך דריי פלעשער וויין בלי ספק, מיט די גרעסטע מוחין, מיט די גרעסטע 'נכנס יין יצא סוד', הפלא ופלא! ווי קען מען רעדן אזא שמועס אָן עטליכע פלעשער וויין? מען קען עס נישט פארשטיין בשום אופן נישט, נאר אז דער שבת איז כלול פון דער וואך איז געווארן א פורים בפועל ממש, ממש אונז האבן עס אליין געזעהן!

## רצון – דאס קען יעדער איינער!

דער הייליגער רבי האט גערעדט אסאך פון השתוקקות רצונות וכיסופים להשם יתברך!

דער רבי האט גערעדט פון דעם, עס איז דא סיי אין ליקוטי מוהר"ן אין די מאמרים פון די תורות פון רבי'ן, און סיי אין די שיחות פון

---

ג. תהלים קלט, טז. ועיין בתנא דבי אליהו רבה, פרק א': "'**ימים יוצרו ולא אחד בהם' - זה יום השבת לישראל**".

רבי'ן, און סיי אין ליקוטי הלכות אסאך, אויף דער עצה און אויף דעם יסוד.

עס איז דא א זוהר[ד]: **"ווען אידן ווייסן ווי ווייט דער אויבערשטער האט זיי ליב, וואלטן זיי געברומט צו אים אזוי ווי לייבן!"** - אזא מין השתוקקות וואלט מען געהאט תמיד צו השם יתברך.

און דאס קען יעדער איינער אויפבויען, דאס איז אזא גרינגע זאך, יעדער איד, יעדער זרע ישראל קען אויפבויען 'רצונות וכיסופים' צו השם יתברך![ה]

עס הויבט זיך אָן ביי מחשבה, רצון קומט דאך פון מחשבה. מחשבה איז 'שוין' א הייליגע זאך. נאכדעם קומט צו דער רצון, מען איז שוקד אויפן רצון, און עס קומט צו השתוקקות.

---

ד. פר' בלק דף קצ"א.

ה. הובא בספרי רבינו בכמה מקומות; עיין בליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג, אות ה': **"על ידי בחינת רצון הכל יכולים לעלות מתכלית דיוטא התחתונה עד רום המעלות. ואי אפשר לבאר בכתב עוצם מעלת הרצון והכיסופין דקדושה כפי מה שהבנו מדברי רביה"ק ז"ל, כפי מה שזכינו לשמוע מפיו הקדוש בעצמו, כי בכתב אי אפשר לבאר אפילו קצה אפילו חלק מאלף. וכבר גילה כמה וכמה תורות גבוהות על זה אשר נדפסו כבר, אבל יותר מזה הבנו מפיו הקדוש ומתנועותיו הקדושים ורמיזותיו הנפלאים בעת שדיבר מזה כמה וכמה פעמים.** וצריך כל אדם כפי מה שהוא להרגיל עצמו מאד בזה לכסוף ולהשתוקק תמיד לה' יתברך ברצון חזק ותקיף. **ודבר זה יכול בודאי כל אדם לקיים אפילו הפחות שבפחותים** ואי אפשר לקלקל ולסתור עצה הזאת בשום אופן מי שירצה לקיימה, כי בשלמא כל הדברים והעצות שבעולם יכול הבעל דבר להתגבר לבלי להניח את האדם לעשותם, אבל רצון לבד זה אי אפשר לסתור בשום אופן כי יהיה איך שיהיה, אף על פי כן אני רוצה לשוב לה' יתברך ברצון חזק, כי מי פתי ומשוגע שלא ירצה טוב האמיתי והנצחי, רק שקשה לו להתגבר על מה שצריך להתגבר, אבל על כל פנים הרצון של כל ישראל המאמינים בה' יתברך בודאי חזק מאד מאד לשוב אליו יתברך ... **וזה הרצון בעצמו טוב מאד ויכול לזכות על ידי זה לתשובה שלימה באמת ולעלות לכל המעלות דקדושה** כנ"ל". גם עיין שם הל' פדיון בכור ה"ה, אות ל"ג בא"ד וזל"ש: "מי שחזק באמת יכול להתחזק ברצון כי **הרצון חפשי לעולם.** וזה אי אפשר לסתור בשום אופן בשום מניעה שבעולם, כי אף על פי כן אני חפץ ומשתוקק ברצון חזק אל האמת לאמיתו".

דער רבי זאגט[ו]: 'השתוקקות' האט אזא כח אז עס שאפט זיך א נפש ממש, און דער נפש איז מוליד נאך השתוקקות און נאך השתוקקות, עס ווערט ממש - א נשמה באקומט מען פון דעם השתוקקות להשם יתברך!

אט די זאך איז כולל אויך רצונות והשתוקקות צו אסאך לערנען, צו אסאך דאווענען, זיך צו פירן מיט גוטע מדות, זיך היטן פון כעס, זיך היטן פון לשון הרע, מידות טובות, וואס אין דעם איז תלוי כל התורה כולה.

**דאס קען יעדער איד מקיים זיין, דאס איז זייער א הייליגע עבודה!**

מלמעלה קוקט מען אויף א מענטשן, וואס ער טראכט, אט דאס איז ער! דאס איז ער! דאס איז ער!

## "הכל בתר רישא גרירא"

וואס ער טראכט, ווי ער טראכט, **"במקום שהאדם חושב שם הוא"**[ז] ממש ממש!

איך זאג אסאך מאל איבער, אין כל התורה כולה אוואו עס שטייט "קיחה" ביי א מענטש, **"קַח אֶת אַהֲרֹן"**[ח] **"קַח אֶת הַלְוִיִּם"**[ט] **"וַיִּקַּח קֹרַח"**[י], אוואו עס שטייט דערווארט "קח" לעבן א מענטש, זאגט

---

ו. ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, וז"ל (ע"פ ספר ליקוטי עצות): **"עיקר התהוות הנפש הוא על ידי ההשתוקקות והכסופין והרצונות הטובים של איש הישראלי אחר השם יתברך, כל אחד לפי מדרגתו שהוא נכסף ומשתוקק ומתגעגע להגיע אל מדריגה למעלה ממנה, על ידי הכסופין אלו נעשה נפש קדושה".**

ז. ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א. גם עיין בכתונת פסים פ' קרח ד"מ ע"ג בסופו שכתב וזה לשונו: **"ובשם מורי שמעתי באריכות ונכתוב בקיצור כי במקום שמחשבת האדם שם הוא כולו הן ברוחניי, אם חושב ברוחני שם נשמתו**, והוא הדין וכו'".

ח. ויקרא ח, ב.

ט. במדבר ג, מה.

י. במדבר טז, א.

רש"י, "בדברים", אט דאס הייסט געומען. אז איך נעם א מענטש, איך נעם אים ארײן און איך פארמאך אים אין א צימער, האב איך אים גארנישט גענומען. נאר אז איך נעם אים מיט די מחשבה זיינער, מיט דעם דעת, מיט זיין רצון, דעמאלט איז ער מיט מיר.

מען איז מדייק טאקע אין די ספרים[יא], אפילו אויף "**וַיִּקַּח ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן עֵדֶן**"[יב], זאגט רש"י, "בדברים", ווייל ווען ער זיצט אין גן עדן און דער מח איז נישט אין גן עדן, איז ער אינגאנצן נישט אין גן עדן!

איך האב צוגעשטעלט צו דעם א ווארט, מען זעהט א שיינע זאך, עס שטייט פון חתם סופר[יג], איינמאל אין דער תורה אין תנ"ך שטייט דער ווארט 'קיחה' און רש"י זאגט נישט 'בדברים'. ביי "**וַיִּקְחוּ אֶת לוֹט וְאֶת רְכֻשׁוֹ**"[יד] זאגט נישט רש"י "בדברים", ווייל עס איז געווען בעל כרחך.

דערפאר שטייט נאכדעם "**וַיִּקְחוּ אֶת לוֹט וְאֶת רְכֻשׁוֹ, וְהוּא יֹשֵׁב בִּסְדֹם**". ווי אזוי איז ער יושב בסדום? מען האט דאך אים אוועקגענומען פון סדום? עס שטייט דאך: "ויקחו את לוט ואת רכושו, והוא יושב בסדום". ווי קומט ער אין סדום? נאר דאס הייסט, די מחשבה איז געווען אין סדום, דערפאר איז ער ווייטער געווען אין סדום. אז מען האט אים גענומען, האט מען זיין גוף גענומען, ער איז אבער נישט דארטן אינגאנצן! ער ווערט נישט נידון צו דעם פלאץ, דערפאר איז ער טאקע געקומען צוריק צו סדום.

---

**יא.** עיין בשל"ה הקדוש - תולדות אדם, בית ישראל (קמא), אות ק'.

**יב.** בראשית ב, טו.

**יג.** עיין תורת משה לחת"ס פר' לך בד"ה "'ויקחו את לוט ואת רכושו בן אחי אברם וילכו והוא יושב בסדום'.

**יד.** בראשית יד, יב.

על-כל-פנים, די מחשבה דאס איז דער מענטש, די מחשבה דאס איז דער מענטש, דאס דארפן מיר אויפבויען, נאכער איז אלץ פירות, איז אלץ פרטים.

## געלעגן ממש אין קודש הקדשים

דער רבי רעדט אזויפיל פון דעם, מער ווי אלע צדיקים, מער ווי אלע ספרים, **עוסק זיין אין רצונות וכיסופים להשם יתברך!**

מען זאל זיך מתבוננן זיין אין א פסוק אין דער תורה [עס איז אַן אינטערעסאנטע זאך, עס איז דא אסאך מאל טייטשן על-פי קבלה וואס זיי טייטשן א פסוק, און עס ליגט אסאך מער אין דער פשט ווי דער פירוש הנגלה, מען זעהט עס כמה פעמים].

עס איז פארהאן א פסוק ביי שמואל הנביא'ן[טו]: "**וְנֵר אֱלֹקִים טֶרֶם יִכְבֶּה**", דאס הייסט, עס איז געווען אינדערפרי איידער די נרות המערכה זענען אויסגעגאנגען, "**וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל ה' אֲשֶׁר שָׁם אֲרוֹן אֱלֹקִים, וַיִּקְרָא ה' אֶל שְׁמוּאֵל**". אזוי שטייט. א פלא, ער איז דאך געווען א לוי, א לוי מעג דען אריינגיין אין קודש הקדשים? ער מעג דען שלאפן אין קודש הקדשים? א פלא'דיגע זאך.

איז סיי רש"י און סיי דער תרגום יהונתן לערנען פשט וואס דאס איז דער אמת'ער פשט, דער ריכטיגער פשט, "ונר אלקים טרם יכבה", אין דער צייט פון "נר אלקים טרם יכבה", איז "ושמואל שוכב" בעזרת הלויים. נאכער, "בהיכל ה' אשר שם ארון אלקים", פון דארטן איז געווען, "ויקרא ה' אל שמואל" - אזוי זאגט רש"י און אזוי זאגט דער תרגום יהונתן, דאס איז דער ריכטיגער פשט.

אבער 'אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני'. פארוואס שטייט אזא לשון אז מען זאל דארפן אזוי לערנען על-פי נגלה? נאר דער אמת איז[טז], עס איז געווען "ונר אלקים טרם יכבה, ושמואל שוכב בהיכל

**טו.** שמואל-א ג, ג.

**טז.** עיין ספר עשרה מאמרות - מאמר 'חקור דין', חלק א', פרק כ"ד.

ה' אשר שם ארון אלקים", ער איז געלעגן דארטן במחשבה ובכלות הנפש אין קודש הקדשים, האט ער געהערט פון די כרובים, ער איז דארטן געווען, מבין שני הכרובים האט ער (געהערט דעם) "ויקרא ה' אל שמואל לאמר", ווייל אוואו מען טראכט, דארטן איז מען ממש!

## דער ריכטיגער נצחון

עס שטייט פון תלמידי בעל שם[יז], **אז א מענטש טראכט מחשבות זרות רח"ל נעמט ער אריין א צלם בהיכל ה', ער נעמט אריין רח"ל א טומאה אין היכל ה'.**

דער בעל שם זאגט דאך[יח], דו זאלסט וויסן, וויפיל א מענטש טראכט פון שלעכטס, וועט ער ליגן לעתיד במקום השידין והלילין און זיי וועלן נקמה נעמען אין אים ביז ער וועט נזדכך ווערן - אויב מען טוהט נישט קיין תשובה, **עס איז נישט קיין שום שאלה צו תשובה העלפט!**

דאס איז אזא חשוב'ע זאך, אזא חשוב'ע זאך!

דער בעל שם זאגט[יט], עס איז אַן אייביגע ארבעט, אַן אייביגע ארבעט, תיקון המחשבה איז אַן אייביגע ארבעט אבער מען פארדינט א וועלט, מען פארדינט א וועלט!

---

**יז.** עיין ב"תולדות אהרן" – 'ליקוטים חדשים': **"שמעתי ממורי הרב החסיד המפורסם מו"ה לוי יצחק זצוק"ל אבד"ק בארדיטשוב נבג"מ**, שאמר שאסור לאדם לחשוב מחשבות רעות ח"ו ומחשבות חוץ ח"ו, כי המוח של אדם הוא ק"ק ושם הארון והלוחות **והרי הוא מעמיד צלם בהיכל ח"ו**". הובא גם ב"פלא יועץ" ערך 'בר לבב'.

**יח.** עיין בספר לקט אמרי פנינים (קאמארנא) אות כ"א, וזה לשונו שם: **"שמעתי מפורש מפי מורי במקום שחושב האדם שם הוא כולו**, אם חושב בקדושה במציאות השם יתברך וביחודי שמותיו, דיוקנא שלו שלים קמי עתיק יומין, כי שם הוא כולו, **וכן המהרהר הרהורים רעים וקשים, עומד ממש בגיהנם, ואש של גיהנם ממש בוער בו, והוא בחייו בשאול תחתית, מכל שכן אחר מותו, ירדו שאול חיים**, וצדיקים ישמחו בשמח"ה אותיות מחשב"ה יעלצו לפני אלהים".

**יט.** עיין בספר דברי יחזקאל פר' עקב: "שמעתי שהיה בימי **הבעש"ט הקדוש זי"ע**

א פראנט! מלחמת עמלק איז דאך א פראנט, "**מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק**"[כ]. א פראנט דארף מען שטעלן ביי דעם אנהויב, זיך נישט לאזן קלאפן ביי דער מחשבה, דארטן שלאג זיך, דארטן וועט דער אויבערשטער האבן א נחת רוח. נאכדעם, אוודאי, אז עס קומט אריין בהכרח, "לא ניתנה תורה למלאכי השרת", איז דא א נחת רוח וואס מען קלאפט עס ארויס, אפילו ער איז אריין טיפער, אבער וואס פריערט מען גיט דעם קלאפ, דא דא איז דער ריכטיגער נצחון![כא]

## וואס האט ער געקענט טוהן אין א רגע?

דער אור החיים הקדוש אין 'אחרי-מות' רעדט אסאך דערפון אז מען זאל זיין א זריז, זייער זייער, וואס גיכער.

רש"י זאגט אין צַו: "**אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות. ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס**". טייטשן צדיקים[כב], דער מח איז 'חסרון כיס', ווייל דאס מויל האט ציין וואס מען קען

---

איש מפורסם ושאלו תלמידיו הקדושים אותו אם ליסע אליו לראות מה טובו. והרשה להם ליסע. ושאלו אותו היכן ידעו אם הוא צדיק אמת. ואמר להם שיבקשו מאתו עצה על מחשבות זרות ופניות ואם יתן להם עצה ידעו שאין בו ממש **שעל דבר זה צריך האדם ללחום עד רגע האחרונה וזה עבודת האדם בעוה"ז ללחום עם מחשבותיו לעושת הכל לשמו ית'**".

**כ.** שמות יז, טז.

**כא.** עיין בעלים לתרופה במכתב ממוהרנ"ת מיום ד' שלח תקצ"ט מש"ש לבנו בא"ד בזה"ל: "וכמו שמובא בדבריו ז"ל (ליקו"מ רל"ג) שמחשבות קדושות הם חיות קדושות שהם בחינת מרכבה דקדושה, ומחשבות רעות הם בחינת חיות טמאות בחינת מרכבה דסטרא אחרא, **ושם עיקר נצחון המלחמה**".

**כב.** עיין שיח שרפי קודש (פולין) - פרשת צו: צו את אהרן וכו' היא העולה. פירש"י ז"ל אין צו אלא לשון זרוז וכו' אר"ש ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס. **אמר החידושי הרי"ם זצ"ל שזה קאי על המחשבה**, כי לאברים המיוחדים יש להם כיס לכסות מפני העבירה דהיינו העין יוכל לכסות בתוך עפעפיו, וכן שאר אברים יוכל לכסותם אבל המחשבה והרהור חסר כיס לכסותו, לכן צריך להאדם ליזהר בו ביותר. וזהו מרומז בהיא העולה. כי העולה באה על המחשבה. והבן כי עמוק הוא

אים פארמאכן, אבער דער מח האט נישט קיין כיס, דארטן דארף מען זירוז.

**דאס איז דער גאנצער איד! דאס איז דער גאנצער איד! דער גאנצער איד!**

**ממש דער גאנצער מענטש!**[כג]

למעלה איז מען דן א מענטש ווי ער טראכט בכל עת ורגע. אז מען איז מקַדש אַן אשה 'על מנת שהרי זה צדיק גמור', איז זי 'ספק מקודשת'[כד], ווייל אפשר האט ער ערשט - - ("שמא הרהר תשובה בדעתו"). וואס האט ער געקענט טוהן אין דער רגע? א בענק צום אויבערשטן! איז מען אים דן אז ער איז א צדיק און די קידושין איז חל.

"**לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ**"[כה] - מען איז דן א מענטשן 'לרגעים'![כו]

דאס איז אזא מין עבודת הקודש, אזא הייליגע עבודה!

---

**כג.** עיין בליקוטי עצות ערך מחשבות והרהורים אות ה' (ע"פ ליקו"מ סי' מ"ט): "**כל תיקון האדם וקלקולו, חס ושלום, הכל תלוי במחשבה שבלב**, כי עיקר היצרין הם המחשבות והחכמות שבלב, כי מחשבות טובות הם יצר טוב ומחשבות רעות הם יצר הרע".

**כד.** שו"ע אהע"ז סי' ל"ח, סעי' ל"א.

**כה.** איוב ז, יח.

**כו.** עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות ח': "והעיקר תלוי במחשבה, כשהאדם מתגבר על המחשבות רעות ואפילו אם מתגברים עליו המחשבות כמו שמתגברים חס ושלום. אף על פי כן בכל רגע שמתגברים כנגדם וכו', זהו בחינת תשובה וכו' וכמו שכתוב '**לרגעים תבחננו**' וכו'. ואם יהיה חזק בזה יוכל לזכות ברבות הימים לתשובה שלימה. ועל כל פנים 'לית רעותא טבא דאתאבד' וכו' כמבואר בדברינו הרבה בזה. ואי אפשר לבאר הכל בכתב". גם עיין בעלים לתרופה מה שכתב מוהרנ"ת במכתב לבנו מיום א' פר' לך לך תקצ"ג, וזל"ש: "וזאת תזכור מה שדיברנו בסמוך מפסוק (איוב ז) '**לרגעים תבחננו**', כי כן הוא האמת שהאדם נבחן בנסיונות בכל רגע, ואין רגע דומה לחברתה, על כן בכל רגע יכולין לזכות הרבה ולחטף טוב הרבה ולברוח

נאכדעם לערנט מען און מען דאוונט גאר אנדערש, עס איז אַן אנדערע לערנען, אַן אנדער דאווענען.

אז א מענטש בענקט אז ער זאל לערנען, ער בענקט אז ער זאל דאווענען, ער קומט און ער לערנט טאקע, ער דאוונט טאקע, נאכער, 'בין מלכא למלכא', פון איין טירדא צו דער צווייטע, אז מען האלט דעם מח, איז ממש בויעט מען זיך אויף דעם "רחמנא לבא בעי" אזוי ווי עס דארף צו זיין, אט דאס איז א איד.

דער רבי האט אסאך גערעדט פון דעם, דאס איז א געוואלדיגער חירות המוחין, א געוואלדיגער חירות המוחין, מען פארדינט זייער אסאך, בלי גבול, אָן א שיעור.

## "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" – בתוך כל אחד ואחד!

מען זעהט, רש"י הקדוש זאגט[כז] אויפן פסוק: "**אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ**", דאס איז א 'לשון מקרה'. א מקרה, פלוצלונג, אינמיטן וועג, אומגעריכט. אט דאס איז די צרה, ער קומט אומגעריכט. זאגט רש"י, 'דבר אחר, שטמאך'. עס איזביידע זאכן צוזאמען, אז ער קומט פלוצלונג, איז ער מטמא דעם מח, פלוצלונג, ממש פלוצלונג.

אויב מען שטייט נישט גרייט איז ער מתחילה איינגעשטעלט, ער איז כסדר איינגעשטעלט, עס איז א ביטערע מצב. וואס הייסט, אז ער גיט א קלאפ א אידישן מח, גיט ער א קלאפ א קודש הקדשים![כח]

ביי אידן דארף זיין דער אויבערשטער אין מח.

---

מרע הרבה המתגבר ומתעורר בכל רגע, כי אנשים כערככם המלחמה היא בכל עת ורגע ממש, ובפרט בענין ההשלכה והנפילות רחמנא לצלן שרוצה להשליך ולהפיל את האדם בכל עת, וצריכין התחזקות הרבה והתעוררות הרבה בכל עת ובכל שעה. ולפעמים בכל רגע".

**כז.** דברים כה, יח.

**כח.** עיין לעיל הערה יז.

עס שטייט[כט], "**וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ**". זאגט דער אר"י הקדוש[ל], 'גגך' איז בגימטריא, כ"ו, דאס איז דער שם הוי"ה. גיב אכטונג נישט ארויסצולאזן דעם שם הוי"ה פון מח, גיב אכטונג דו זאלסט טראכטן פון אויבערשטן תמיד, אט דאס איז "ועשית מעקה לגגך", אט דאס זאל זיך נישט ארויסלאזן פון די אידן. "**וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**"[לא] - 'בתוך כל אחד ואחד'! א איד דארף טראכטן כסדר 'עס איז דא א גאט אויף דער וועלט'! האבן הייליגע מחשבות, מען דארף מאכן א מעקה נישט ארויסצופאלן[לב].

טאקע איינער האט צוגעלייגט[לג], 'מעקה' איז ראשי תיבות, ה'רהורי ע'בירה ק'שים מ'עבירה[לד]. דאס נעמט ארויס די עבירה פון מח. "**עֶרְוַת דָּבָר**" איז "**וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ**"[לה].

## געקענט איינשפאָרן אזויפיל ארבעט

תיקון המח! תיקון המח! איר וואלט איינגעשפאָרט אזויפיל ארבעט, אזויפיל ארבעט[לו]. אוודאי, אונז זענען אין א מבול פון **מחשבות זרות**[לז].

---

**כט.** דברים כב, ח.

**ל.** עץ חיים שער מ"ב פרק י"ג מ"ת.

**לא.** שמות כה, ח.

**לב.** עיין בליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה, אות כ"ה: "אפילו בקדושה צריכין לצמצם את המח בחינת 'במפלא ממך אל תדרוש', **מכל שכן וכל שכן לצמצם את המח שלא יצא לחוץ אל הסטרא אחרא חס ושלום**. וזהו בחינת מעקה שהוא מחיצה סביב הגג, בחינת מחיצות המוחין הנ"ל. וזהו '**ועשית מעקה לגגך**'".

**לג.** הובא בספר רמתיים צופים סי' ב' אות כ"ו, בשם הרה"ק ר' שלמה לייב מלענטשא זי"ע.

**לד.** יומא כט ע"א.

**לה.** דברים כג, טו.

**לו.** עיין בליקוטי עצות ערך ברית אות כ"ד (ע"פ ליקו"מ סי' כ"ט): "ולתקן כל העבירות בפרטיות הם רבים מאד וכבד על האדם ואי אפשר לתקן אותם, כי יש דקדוקים

דער בעל שם זאגט[לח], די ארבעט איז 'עד יום מותו', אבער דאס איז די אידישע ארבעט.

איך האב געקענט אידן, איך האב געקענט אידן וואס האבן געטוהן אין קדושת המחשבה, מען האט געזעהן אז זיי האבן געלערנט בקדושת המחשבה, זיי האבן געדאוונט בקדושת המחשבה, זיי האבן געהאט דעם מח, זיי האבן געבויעט זייער מח, זיי זענען געווען מיושב'דיגע אידן, קלוגע אידן, זיי האבן אכטונג געגעבן אויפן מח.

דאס איז אַן עבודה רצויה לפני המקום, ווי מען זאגט: **"קַדֶּשׁ לִי כָל בְּכוֹר"**[לט], די ערשטע זאך איז דער מח, דאס איז די ערשטע זאך! עס איז די ערשטע זאך![מ]

**עס איז א געוואלדיגע זאך, מען ווערט א איד!**

**מען בויעט אויף די אידישקייט!**

דאס איז אַן עבודה רצויה לפני המקום, הפלא ופלא די עבודה!

## פארוואס אַרט דאס אים?!

רבי נתן ברענגט אראפ[מא] [לפי וואס מען לערנט ליקוטי הלכות דארף יעדער איד עוסק זיין אין דעם], אפילו איינער וואס איז רחוק

---

ופרטים רבים בכל לאו ולאו. על כן צריך לתקן תיקון הכללי והוא תיקון הברית, **ועל ידי זה נתתקנין ממילא כל הלאוין שעבר**, ואפילו למקומות הצרים והדקים שאי אפשר לבוא לשם שום תיקון, על ידי תיקון הכללי זורק תיקונים גם לשם". גם עיין שם אות מ' (ע"פ ליקו"מ סי' ל"ו): "**מי שמשבר תאוה זאת** של נואף, **אזי בקל יוכל לשבר כל התאוות** ועל כן הוא תקון הכללי".

**לז.** עיין בליקוטי מוהר"ן סי' מ"ד: "**המחשבות זרות** שהם כנגד, שהם מבלבלין תפלתו. **ונקראים מבול, שהם מבלבלין את תפלתו**".

**לח.** עיין לעיל הערה יט.

**לט.** שמות יג, ב.

**מ.** עיין בליקוטי הלכות בכמה מקומות שבכורה מרמז על תיקון הברית ושמירת המחשבה שהיא בחינת ראשית.

בתכלית הריחוק, דארף ער היטן אויף זיין מח! **ער זאל אנהויבן היטן דעם מח און בענקען צו השם יתברך, אפילו ער איז עומד במרדו!** אז ער וועט מיט דעם מח בענקען צום אויבערשטן, וועט זיך אים עפענען פתחים למעלה מדרך הטבע און ער וועט מקורב ווערן צום אויבערשטן!

עס איז נאר די שווערקייט. א מענטש וואס איז מרוחק פון השם יתברך, זאגט אים דער יצר הרע, 'דו טראכסט הייליגע מחשבות? דו ווייסט דאך ווער דו ביסט! דו ביסט דאך א רשע גמור! אז דו טראכסט, איז דאס שוין עפעס ווערד?!'. איי, וואס הייסט 'עס איז נישט ווערד'? אויב עס איז נישט ווערד פארוואס אַרט דעם בעל דבר אז דו טראכסט דאס? אלא מאי, עס איז טאקע יא ווערד! דו זעהסט דאך אז עס אַרט אים אז דו טראכסט...

---

**מא.** עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות פ"ב: "צריך לחזק את עצמו מאד ולהאמין ולידע, כי **כל נקודה טובה וכל איזה התעוררות דקדושה שהוא מתעורר בכל עת לנתק את עצמו ממחשבות רעות ולהמשיך על עצמו מחשבות קדושות.** וכל מה שהוא חותר בכל יכלתו לעשות איזה טוב **אף על פי שבינו לבינו נעשה עמו מה שנעשה וכבר היה כן אלפים פעמים** אף על פי כן שום נקודה טוב אינו נאבד". גם עיין שם בהל' נזיקין ה"ד, אות ג', וז"ל: "צריך כל אדם להשכיל על דרכיו בכל יום ובכל עת לשמור את עצמו מאד שלא תתחיל מחשבתו לצאת חוץ מגבול הקדושה חס ושלום, אפלו כחוט השערה, כי על ידי פגם כחוט השערה שנוטה מן הדרך יכול לתעות הרבה בדרכים נבוכים חס ושלום, וכמובן בדבריו ז"ל על פסוק 'תעיתי כשה אבד' (בלקוטי חלק א). **ואף על פי כן צריך לידע גם ההיפך, שכשמתגברים עליו מאד ונדמה לו שכבר נתעה כל כך שאי אפשר לו לעמוד כנגדם צריך לידע ולהאמין שכל תנועה ותנועה שינתק וימשיך את עצמו מהם אפלו כחוט השערה הוא יקר מאד מאד בלי שיעור. ואלו השערות יתלקטו יחד וברבות הימים יגאלהו ה' יתברך מהם ויזכה על ידם להשגות אלקות**". ועיין בעלים לתרופה במכתב מיום ב' שלח תר"ג: "על כן צריך האדם להיות עקשן גדול כנגדו בקדושה. והעיקר להאמין **שאפילו אם הוא כמו שהוא אף על פי כן כל פעם שמתגבר על מחשבתו כנ"ל זה יקר מאד אצל השם יתברך** וכו'. וכבר דיברנו בזה הרבה".

און כהנה וכהנה ביי יעדן אידן. דער בעל דבר לאזט עס בשום אופן נישט. אבער רבי נתן ברענגט אראפ, אפילו הגרוע שבגרועים דארף היטן דעם מח, בענקען צום אויבערשטן, 'מתי? מתי?' **"מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹקִים?!"**[מב]

מתי, מתי וועל איך זיין אַן ערליכער איד?!

מתי וועל איך נישט טוהן קיין שלעכטס?!

מתי וועל איך נישט דערצערענען דעם אויבערשטן?!

ווי ער קוקט אויס, ער איז מחויב בזה!

## דביקות – אפילו קודם התשובה

איך ברענג אלעמאל דער זאך, אין "יושר דברי אמת"[מג] שטייט מפורש, "אפילו קודם התשובה איז מען מצֻוה אויף דביקות"!

איינער וועט זאגן אז ער וועט נישט לייגן קיין תפילין ווייל ער האט נאכנישט תשובה געטוהן?! ער וועט נישט מאכן קיין סוכה ווייל ער האט נאכנישט תשובה געטוהן?! ער וועט נישט מאכן קיין מזוזה ווייל ער האט נאכנישט תשובה געטוהן?! דביקות איז א מצות עשה דאורייתא פאר א יעדן איד, 'בנים אנחנו לה' אלקינו', מיר האבן רשות צו האבן דביקות צום אויבערשטן! א מענטש איז מצֻוה על הדביקות אפילו קודם התשובה[מד].

---

**מב.** תהלים מב, ג.

**מג.** אות כ"ה, וז"ל: "**ואפילו קודם התשובה צריך להכריח את עצמו להתקרבות השי"ת על ידי תורה ותפלה בדביקות כל האפשר, כי הנה מצות האמונה והאהבה והיראה והדביקות הן מצות שהן מחויבים להיות על האדם תמיד בלי הפסק רגע**, כמבואר זה לעיל (סימן י"ב) בשם הרמב"ם והחרדים".

**מד.** עיין בספר דרך כוכב (תורה א' שיעור ט') וז"ל מורינו שליט"א: סיפרנו באחד השיעורים מהרה"ק מבארדיטשוב – שענינו היה התלהבות ותבערת אש קודש תמידית להשי"ת. וידוע שרבינו העיד בפני מוהרנ"ת (חיי מוהר"ן אות תקצ"ט) שכאשר

עס איז עפעס א ספק צו ער וועט קומען צו תשובה?! א ספק אז דער אויבערשטער וועט אים ארויסנעמען דורך תשובה?! עס איז בלי ספק כלל!

## אפילו ער טראכט פון ביזנעס

דער רבי ברענגט אראפ[מה], די זאך פון מחשבה דאס איז דער סוד פון "חייב אדם למשמש בתפילין בכל שעה"[מו]. דער פנימיות הפשט פון 'למשמש בתפילין בכל שעה' איז, 'אוואו איז דער מח?!' תפילין איז דביקות, תפילין איז מלשון[מז] "**נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי**"[מח]. אוואו

---

הרה"ק מבארדיטשוב אומר 'דער בורא' ניתזים גיצי אש מעיניו.
בתקופה מסויימת מרוב חלישות דעת שהיתה לו מאנשים שצערוהו, הגיע לידי כך שהאש הגדולה להשי"ת שיקדה בקרבו, כבתה, ונשאר כעץ יבש ללא חיות. בתקופה זו, שנמשכה כשנה או כשנה ומחצה כאשר ההשגות הגודלות עזבוהו, היה מתפלל בסידור קטן מילה במילה, בפשיטות הכי גדולה, בו בזמן שבדרך כלל היו באים אנשים אליו ממקומות המרוחקים בגוזמאות של פרסאות לזכות לחזות בו ולשמוע את תפילותיו הנוראות. ואילו באותה עת, התפלל כך בפשטות מופלגת כזאת. עד שהקב"ה עזר לו והעניק לו שוב את מדרגותיו והשגותיו הקדושות ושב לעבודותיו הנוראות כמימים ימימה.
וביארנו דאין זה רק אצל הרה"ק מבארדיטשוב אלא גם החוטא והפושע הגודל ביותר לא יכול לפטור עצמו מלומר את התפילה, מלענות איש"ר, מלברך על כל דבר, גם בשיא שפלות ירידתו ונפילתו אינו פוטר משום דבר.
יסוד קדוש זה הנחיל לנו רבינו, שבאיזה מקום בו שרוי האדם, גם אם הוא נפל לשאול תחתיות ומתחתיו, ידבר להשי"ת ויבקש מהשי"ת ויתגעגע אליו, ויאמין שהקב"ה יכול להוציאו מכל המיצרים והפיתולים שם הוא הסתבך, כי השי"ת הוא כל יכול ולא ידח ממנו נדח.

**מה.** ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח, אות א': **"כי צריך כל אדם לפשפש את עצמו בכל עת, אם הוא דבוק בהשם יתברך. והסימן של דביקות הוא תפלין, כי תפילין הם סימן על הדביקות"**.

**מו.** מנחות לו ע"ב.

**מז.** בראשית ל, ח.

**מח.** עיין בליקוטי מוהר"ן סי' מ"ז.

בין איך?! אוואו בין איך?! אוואו בין איך?! וואס טראכט איך?! אַווי בענק איך?! אַווי בין איך אין דער וועלט?! תפילין! דאס איז "חייב אדם למשמש בתפילין", **אוואו איז דער מח?! אוואו איז דער מח?! אוואו געפין איך זיך?! אוואו געפין איך זיך?!** ביי השם יתברך, צו אין שאול תחתיות ומתחתיו?!

אפילו מען איז ווייט, זאגט רבינו הקדוש אין דער משנה[מט]: "**יָפֶה תַלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן**". אז א איד טראכט נישט פון שלעכטס, אפילו ער טראכט פון ביזנעס, אז ער טראכט נישט פון שלעכטס, רוהט אויף אים דער שכינה!

**א איד איז זייער הייליג! זייער הייליג!** לאז נאר נישט אריין קיין טומאה, לאז נישט אריין קיין טומאה, איז דא דער אויבערשטער ביי דיר!

## לאז אים נאר אריין!

מען זאגט, דער חידושי הרי"ם האט אמאל געזאגט, ווען ער איז געווען א אינגל האט אים איינער געזאגט אז ער גיט אים עפעס, איך מיין א פינעף מטבעות, ער זאל אים זאגן וואו דער אויבערשטער איז. האט ער אים געזאגט: "**איך געב דיר צוואנציג, זאג מיר וואו ער איז נישט...**" האט ער געזאגט: "**און היינט זאג איך: אוואו איז דער אויבערשטער? אוואו מען לאזט אים אריין!**"[נ]

---

מט. משניות אבות פ"ב, מ"ב.

**נ.** עיין בתולדות יעקב יוסף פר' עקב, אות ד': "כי הוא תועלת וחכמה נפלאה בענין עבודת הבורא שלא יהיה נמאס בעיני עצמו רק יאמר (תדא"ר פכ"ה) מתי יגיעו מעשי למעשי אבות הראשונים, **ובפרט בזמן הזה שהשכינה בגלות שלא מצאה היונה מנוח לכף רגלה, כי מיד בהכין אדם מעשיו לשם שמים בכל דרכיו מיד נעשה כסא להשכינה שתשרה בו**, והוא נק' יותר מדורות הראשונים שהי' הרבה צדיקים בעולם, מה שאין כן בזה"ז כי גמר חסיד שיעשה חסד עם קונו ודאי ראוי לאיש לאזור כגבר חלציו לגמול חסד עם השכינה, ואז נעשה

מען דארף ארײנלאזן דעם אויבערשטן! יעדער איד איז א חלק אלקי ממעל, מען דארף נאר נישט לאזן די טומאה ביים מח. "**לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ**"[נא], ביים אנהויב, ביים אנהויב, ביים מחשבה, דארט דארף מען שטארק אכטונג געבן.

מען ווייסט נישט ווי חשוב עס איז היינט ביים אויבערשטן די עבודה, ווי חשוב איז ביים אויבערשטן היינט די עבודה, יעדע רגע! דער קיום העולם איז בזכות אידן, דער קיום העולם איז בזכות אידן, נישטא קיין אנדערע, נאר בזכות אידן, 'בשביל ישראל שנקרא ראשית', 'בשביל התורה שנקרא ראשית'. אז א איד טראכט נאר נישט קיין שלעכטס, איז בזכות אים די גאנצע בריאה, אט דאס איז דער אמת![נב]

אזוי ווי מען דארף גלויבן אין בורא עולם, מען דארף גלויבן אין תורת משה, מען דארף גלויבן אין השם יתברך, דארף מען

---

כסא אל מדת החסד, כמו בדורו של אברהם שלא הי' עזר לשכינה כי אם ע"י אברהם, **כך עתה שאין איש שם על לב לעשות עזר וסמך להשכינה בגלות המר הזה כי אם מעוטי דמעוטא, השם נפשו בכפו ודאי נעשה כסא אל השכינה במידת החסד**".

**נא.** בראשית ד, ז.

**נב.** עיין ליקוטי הלכות הל' גטין ה"ג, אות כ"ב: "ועל כן אם יזכור אדם זאת בתוקף ירידתו ונפילתו ויאמין זאת באמונה שלמה, שדייקא במקומו מסתיר עצמו השם יתברך בעצמו להחיותו ומרמז לו רמזים מרחוק **לשוב אליו בשב ואל תעשה לבד**, אז בודאי יכול לזכות להתקרב אליו יתברך מכל מקום שהוא ולהפך הירידה לעליה, וכמבואר במקום אחר, דהיינו שיזכה לתשובה שלימה שהוא בחינת יום כפורים, שאז עולין לשם לבחינת הקדושה העליונה הנ"ל בתכלית העליה. **כי על ידי התשובה שלימה ראויים לעלות לשם ולקבל משם שפע גדול ורב טוב לבית ישראל** ולהמתיק כל הצמצומים והדינים". גם עיין שם הל' מנחה ה"ז, אות כ"ג: "**והעיקר שצריך לצמצם אור התלהבות לבבו שלא יהיה בבחינת הריסה חס ושלום, ואחר כך צריך ליזהר להתגבר על המחשבות רעות ולהמשיך רק מחשבות טובות, עד שיעבוד השם יתברך בהדרגה ובמידה שזה בחינת בריאת וקיום העולמות**".

גלויבן אין זיך אז מיר זענען גזע ישראל! אונז, אונז, נאר אונז, דאס איז דאס![נג]

**תורה מגנא ומצלא**

עס איז דא זייער אסאך צו רעדן וועגן דעם, גאר אסאך ממש, און מען דארף רעדן וועגן דעם און טוהן אין דעם, און וכל-שכן די עצה פון 'רצונות והשתוקקות וכיסופים להשם יתברך'.

מען קען עס אסאך ניצן, גאר אסאך ניצן, מיט דעם ענין אז א מענטש זאל לערנען ער זאל האבן וואס צו טראכטן, ער זאל לערנען ער זאל האבן וואס צו טראכטן. לערן דורך א סוגיא, א האלבע סוגיא, א עמוד גמרא, א האלבע עמוד גמרא, וואספארא חלק, מען חזר'ט עס גוט איין, און מען טראכט נישט קיין אנדער זאך ביז מען לערנט אַן אנדערן סוגיא, עס גייט אראפ האלב מחשבות זרות, האלב דאגות גייט אראפ, און מען שטייגט גאר אסאך[נד].

תוספות זאגט מפורש[נה], פארוואס איז די תורה "מגנא ומצלא בין בעידנא דעסיק בה ובין בעידנא דלא עסיק בה"? ווייל מען טראכט פון דעם! דאס איז פשט, ווייל מען לערנט.

---

**נג.** עיין בליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות ב': "**וכמו מי שהוא כופר במציאותו יתברך חס ושלום, הוא כופר ומין ימח שמו, כמו כן אפילו אם אומר שמאמין במציאותו יתברך וכופר בזה שאינו מאמין שהוא יתברך חפץ בעבודתנו הוא גם כן כופר ומין**". גם עיין שם בהל' פקדון ה"ה, אות ז'.

**נד.** עיין בשיחות הר"ן אות י"ט: "ואמר: **שאפילו אותן האנשים הרחוקים מן הקדושה מאד שנלכדו במצודה רעה עד שרגילין בעבירות חס ושלום רחמנא לצלן רחמנא לשזבן, אף על פי כן הכח של התורה גדול כל כך עד שיכולה להוציא אותם מן העבירות שרגילין בהם חס ושלום. ואם יעשו להם חק קבוע וחיוב חזק ללמוד בכל יום ויום כך וכך יהיה איך שיהיה בודאי יזכו לצאת ממצודתם הרעה על ידי התורה כי כח התורה גדול מאד**".

**נה.** סוטה דף כ"א ע"א, ד"ה 'זה ת"ח', וז"ל: "תימה והיאך ניצול מכולן והלא לא

עס איז נישטא אזא זאך וואס הייליגט דעם מח ווי די הוויות דאביי ורבא, "מאן דאחיד באורייתא אחיד בקודשא בריך הוא", דאס איז דביקות ה', דאס אליין איז רצונות וכיסופים.

על-כל-פנים, למעשה, דאס איז א זאך וואס איז איינע פון דעם רבי'נס הדרכות, די זאך פון 'השתוקקות וכיסופים', א דבר פשוט מאד, א דבר אמיתי מאד, מען פארדינט אזויפיל, מען שפּאָרט איין אזויפיל הרהורים רעים, הפלא ופלא.

בדרך כלל, דער "אשר קרך" קומט בשעת מען גרייט זיך נישט אויף דעם, פלוצלינג קומט ער. בשעת מען ליגט אין מחשבות (אחרות) קומט ער טאקע נישט, און טאמער כאפט ער זיך יא אריין, שטיי איך אבער ביים פראנט, איך טרייב אים גלייך אוועק..., מען שעמט זיך פון אויבערשטן, מען שעמט זיך צו טראכטן פון טינופת רחמנא ליצלן.

## אָן קיין עצבות

דאס איז א זאך וואס מען דארף עס וויסן. נאר וואס דען, עס האט א כלל, א געוואלדיגער כלל, דער כלל פון דעם איז, מען דארף זיין פריילִיך, דעמאלט איז מען שולט אויף דער מחשבה.

דער רבי זאגט[נו], מיט עצבות קען מען נישט שולט זיין אויף דער מחשבה. אָן שמחה ווערט פון דעם א לחץ וואס דער בעל דבר וויל

---

ניצול מיצר הרע בעידנא דלא עסיק בתורה? וי"ל סתם תלמיד חכם תורתו אומנתו ועוסק בה ומהרהר כל שעה ואינו הולך ד' אמות בלא תורה".

**נו.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י', וז"ל: "**דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו**, ועל כן קשה לו ליישב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל ליישב דעתו, כי שמחה הוא עולם החירות, בבחינת (ישעיה נ"ה): "כי בשמחה תצאו", שעל ידי שמחה נעשין בן חורין ויוצאין מן הגלות. ועל כן **כשמקשר שמחה אל המח, אזי מוחו ודעתו בן חורין, ואינו בבחינת גלות, ואזי יוכל להנהיג את מחו כרצונו** ולישב דעתו, מאחר שמוחו בחירות ואינו בגלות".

דערמאטערן א מענטש מיט דעם אין דער צייט וואס איז עס נישטא קיין חירות. אז מען איז פרייליך איז דא א מורא'דיגער חירות, מען איז שולט אויף דער מחשבה, מען איז כסדר אויף א הייליגן פלאץ, א ריינעם פלאץ, מען איז פרייליך תמיד, מען איז ממשיך ישועות, דער אויבערשטער איז א מענטשן דַן לפי מחשבותיו.

רבי פנחס'ל קאריצער זאגט, אז א מענטש האט הייליגע מחשבות, שטייען ארום אים מלאכי השרת אין איין רגע, אבער אז ער האט שוין א תפיסת מחשבה, שטייען מלאכי חבלה, און אז ער האט נאך אַן ערגערע מחשבה, שטייען שוין שדים ארום אים, בכל עת ורגע[נז]. "לרגעים תבחננו", בכל עת ורגע, מען איז דַן א מענטשן בכל עת ורגע לפי מחשבותיו.

אז מען וועט אין דעם עוסק זיין, דאס איז א טייערע זאך, השתוקקות וכיסופים, עס איז דא אזויפיל הלכות וועגן דעם, אזויפיל דיבורים פון רבי'ן וואס דער רבי האט גערעדט וועגן דעם, אזוי ווי, "העיקר הוא הרצון"[נח], און די תורה ל"א דארטן (בליקוטי מוהר"ן), אז

---

**נז.** עיין בספר אוסף אמרים (פורים, שיחה י"ג) לשון מורינו שליט"א כטוב לב המלך ביין: הרה"ק ר' פנחס'ל מקאריץ זי"ע היה אומר שמלאכי שמירה השומרים על האדם תלויים ועומדים כפי מחשבתו ורצונותיו, לכן יתבונן האדם ויעשה חשבון נפשו: היכן אני בעולם, מה אני חושב? מה הם רצונותי? – הבלי עולם, או אפילו גרוע מהבלי עולם, געוואלד געשריגן! כל כך מנותק מהשי"ת! ! היכן אני בעולם, היכן אני בעולם? !

הקב"ה אמר לאדם הראשון: איכה? ! הכין אתה בעולם, היכן המח שלך.

ורבינו נתן עצה פשוטה שאותה יכול לקיים גם כל אדם פשוט, היכן שהוא נמצא, ובאיזה מצב שהוא נמצא:

**רצונות וכסופים להשי"ת! רצונות וכסופים להשי"ת! רצונות וכסופים להשי"ת! !**

פתחו פיכם בשירה וצאו במחול והיין יעלה רצונות וכסופים להשי"ת.

**נח.** שיחות הר"ן אות נ"א: "ולעבוד ה', איני יודע מי הוא שיוכל לומר שיעבוד את ה' לפי גדולת הבורא יתברך, מי שיודע מעט מגדולתו יתברך איני יודע איך יכול לומר שיעבוד אותו יתברך. ושום מלאך ושרף אינו יכול להתפאר על זאת שיוכל לעבוד אותו יתברך, **רק העיקר הוא הרצון, להיות רצונו חזק ותקיף תמיד להתקרב אליו יתברך**".

רצונות וכיסופים איז בחינת אברהם בחינת חסד בחינת דביקות בחינת אהבה, עס איז א פלא, א געוואלדיגע געשמאקע זאך.

## ער איז נישט אונזערער

מען קען טאקע זאגן כפי דעם וואס שטייט "אשר קרך בדרך" – 'אשר טמאך'. עס ווערט טאקע געבראכט, ער האט מטמא געווען מיט דעם ענין וואס די גמרא זאגט[נט]: "**וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע**"[ס], 'שלא יהרהר אדם ביום' וכו', דעמאלט האט ער זיי מכשיל געווען. איז פשט טאקע, די 'מחשבה', דאס איז מלחמת עמלק, דאס איז מלחמת עמלק. ער איז דער אנדערער, ער איז נישט אונזערער, עס איז נישט אונזערער, עס איז עמלק, עס איז נישט אונזער לגמרי, מיר האבן רשות זיך צו שלאגן מיט דעם, מען טרייבט עס אוועק, מען טראכט הייליגע מחשבות, דאס איז נאר א נספח, די מציאות אונזערע איז, 'מיר האבן ליב דעם אויבערשטן, מיר האבן ליב דער תורה', מיר זענען איינס מיט דער תורה, מאוחד מיט הקדוש ברוך הוא בלי שום ספק כלל.

נאכדעם, אוודאי, אז קען מען נישט זיין פרייליך, איז לכל הפחות - נישט עצבות, נישט עצבות, נישט עצבות, לפי זה דארף מען משתף זיין נאך א שמירת המחשבה, נאך אַן ענין פון מחשבה - נישט עצבות!

א מחשבה פון עצבות דארף זיין אזוי ווי א מחשבה פון עבירה ממש בלי חילוק![סא]

---

**נט.** ע"ז כ' ע"ב.

**ס.** דברים כג, י.

**סא.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: "ודע, שתיכף כשאדם רוצה ליכנס בעבודתו יתברך, אזי **תיכף היא עבירה גדולה כשיש לו עצבות**, חס ושלום, כי עצבות היא סטרא אחרא (זהר נח דף עא), **והשם יתברך שונא אותה**".

אוועקטרייבן! עס איז א מידה רעה וואס עס קומט פון דעם נחש הקדמוני להחטיא את האדם![סב]

## די ערגסטע מידה

רבי חיים וויטאל (זצ"ל) רעדט אין שערי קדושה פון מידות, ער רעדט אזויפיל פון אלע סארטן מידות, רעדט ער וועגן כעס, זאגט ער[סג], עס איז די ערגסטע מידה וואס איז נישטא אזא מידה רעה וואס איז מרחיק א מענטשן פון עבודת ה' אזוי ווי עצבות. מען פארגעסט אז עס איז א מידה רעה, מען איז גאר איינגערעדט אז עס איז א מצוה, עס ווערט א מצוה איינס-צוויי, דאס איז דאס. עצבות איז א מידה רעה.

ממילא קומט אויס טאקע, מען דארף זיך היטן פון עצבות, דאס נישט טראכטן, נישט טראכטן פון עצבות.

---

**סב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ט: "צריך ליזהר מאד מעצבות ועצלות, כי **עיקר נשיכת הנחש הוא עצבות ועצלות** בבחינת (ישעיה ס"ה): "ונחש עפר לחמו", עפר היא בחינת עצבות ועצלות שהם באים מיסוד העפר, כמובא בספרים".

**סג.** וז"ל: וז"ל בח"ב, שער ד': "העצבות גורמת מניעת העבודה וקיום המצות וביטול עסק התורה וכוונת התפילה ומבטל מחשבה טובה לעבוד את ה', **והיא שער התחלת גירוי הסתת היצר הרע אפילו אם הוא צדיק**, בהראותו כי אין לו תועלת בעבודה בהיות יסורים עליו וכו'. **וגם כי בא עליו בדרך חסידות באמור לו איך יעלה בדעתך עפר רמה ותולעה להתקרב להתקדש בקדושת מלכו של עולם**, וכמו שכתוב (משלי כ"ה ז') 'ראמות לאויל חכמות' וגו' וכמו שכתוב (איוב ל"ה ז') 'ואם צדקת מה תתן לו'. גם גורמת סילוק רוח הקודש מעליו, וההפך בהיותו עובד ה' יתברך בשמחה כמו שכתוב (תהלים ק' ב') 'עבדו את ה' בשמחה', כי השמחה מוסיפה חשק רב ואהבה להתדבק בו יתברך וכתיב (דברים כ"ח מ"ז) 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלהיך בשמחה ובטוב לבב' וגו'. כי העבודה אם היא בעצבון דומה לעבד העובד לרבו בפנים עצבות וזועפות. וכתיב (משלי י' כ"ב) 'ברכת ה' היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה'. **כי העצבון הוא נמשך מזוהמת סמא"ל ונחש שהטילו באדם וחוה** כמו שכתוב באדם (בראשית ג' י"ז) 'בעצבון תאכלנה' וכתיב (שם ט"ז) 'בעצב תלדי בנים', ועל ידי כך הקדוש ברוך הוא ושכינתו מסתלקים מעליו".

## "אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ"

אין ליקוטי תורה פון דעם בעל התניא אין ואתחנן[סד], ברענגט ער אראפ אַן אינטערעסאנטע זאך, אז עס קומט א מלחמה, שטייט[סה], "אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ", מען זאל נישט מורא האבן, מען זאל נישט צעבראכן ווערן פון די "קול הקרנות והקלגסים" דארטן, "מפני צהלת הסוסים", ווי חז"ל דרש'נען[סו]. זאגט ער, וואס הייסט 'דו זאלסט נישט מורא האבן'? א לא תעשה אין דער תורה 'מען זאל נישט מורא האבן'. ברענגט ער אראפ א רמב"ם – 'נישט טראכטן'! עס איז נישטא אזא זאך א הרגש הלב וואס קומט נישט פון מחשבה. דו האסט נישט געטראכט, גייט עס נישט אריין אין הארצן בשום אופן שבעולם. א זאך וואס גייט נישט אריין אין הארצן, גייט נישט אריין אין מחשבה אויך. דו ווערסט נישט טראכטן, וועסטו נישט מורא האבן.

אוודאי, פון דעם זעהט מען דעם "**עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר**"[סז], מען איז געווען 'שלט במחשבתו', מען האט געקענט נישט טראכטן און נישט מורא האבן! הויבט מען אָן צו טראכטן, איז שוין דא א פחד אין לב. שוין, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, נישט טראכטן[סח].

---

**סד.** וזל"ש הנוגע לעניננו: "וראיה ממה שכתב הרמב"ם ספ"ז מהל' מלכים וכל המתחיל כו' ומבהיל עצמו עובר בל"ת שנאמר אל ירך לבבכך אל תיראו כו' וקשה איך יעשה שלא יפחד אלא הענין שיסלק מחשבתו והרהורו מפחד זה ועי"ז מתבטל הפחד וז"ש וכל המתחיל לחשוב ולהרהר הרי ראיה ברורה שאפילו ההתפעלות הטבעית שבאהבת עצמו היא תלויה ע"פ הדעת והמחשבה וא"כ אנו רואים שכל המדות אהבה ושנאה ויראה ודומיהן אינן נמשכין ונגררין רק על ידי הדעת וההרגשה שלפי שיודע ומרגיש א"ע תמיד לכן יומשך ההתפעלות מאד בעניני עצמו ובהפך אם מסלק הדעת וההרגשה כ"כ מאהבת עצמו כו' כנ"ל".

**סה.** דברים לא, ו.

**סו.** ירושלמי פ"ח ה"ג.

**סז.** קהלת ז, כט.

**סח.** עיין בהקדמת תיקון הכללי מה שאמר רביז"ל בענין זה: "**והזהיר מאד לבל יתפחד האדם מזה כלל. כי הפחד והדאגות והמרה שחורות בענין זה מזיק מאד מאד**".

אוודאי, אונז האבן נישט די געזונטע מחשבות אויף דעם, אמאל האט מען געהאט מחשבות אויף דעם. דער רמב"ן זאגט מפורש אויפן פסוק: "**הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב**"[סט], עס פעלט נישט קיין אמונה, עס פעלט נישט פון בטחון, נאר עס איז דא א "רך הלב", דאס איז שרעקעדיג, שרעקעדיג. זאגט ער, עס איז אזא פגע הנפש וואס זיי זענען גארנישט שולדיג, זיי האבן אמונה, זיי האבן בטחון, און זיי שרעקן זיך.

מיר זענען אוודאי מער פון "איש הירא ורך הלבב" ווי דעם רמב"ן. אבער עם-כל-זה, עס איז אַן עבודת הקודש, עס איז אַן עבודת הקודש, עס איז נישטא קיין עבודת הקודש וואס א מענטש איז שוקד אויף דעם (שלא מסייעין אותו), "הבא לטהר מסייעין אותו"[ע].

אז מען איז עוסק אין קדושת המחשבה, השתוקקות וכיסופים להשם יתברך, דאווענען מיט רצונות וכיסופים, די לערנען זאל זיין לקשר המח אל הדיבור, הייליגן דער מחשבה מיט הוויות פון אביי ורבא, מיט הייליגע חז"ל'ן, מיט הייליגע הלכות, אט דאס איז די עבודה, און 'בין מלכא למלכא' (זאל ער טראכטן) מחשבות, מחשבות של תורה, מחשבות של השתוקקות, מחשבות פון אמונה, דאס בויעט אויף דעם איד, עס בויעט אים אויף ממש, עס ווערט 'רחמנא לבא בעי', דער גאנצער עבודת ה' ווערט אנדערש.

## וואס קען מען הייסן א שיכור טוהן?

מען קען זאגן, דאס איז כמעט די עבודה פון פורים. מען זעהט טאקע, פורים איז דא אַן ענין פון שכרות. וואס קען מען הייסן א שיכור טוהן? ווי קענסטו אים הייסן לערנען? א שיכור אז ער זאל פסק'ענען אַן הלכה איז ער 'אל יורה', ער איז עובר אויף א לאו, ער טאר נישט מורה זיין, און 'תפילת שיכור' זאגן חז"ל "תפילת שיכור

---

**סט.** דברים כ, ח.

**ע.** יומא לח ע"ב.

תועבה". איז מען קען אים נישט הייסן לערנען, מען קען אים נישט הייסן דאווענען, וואס קען מען הייסן א שיכור טוהן? עס איז דאך א מצוה לבסומי? **האבן רצונות וכסופים!**

**רצונות וכיסופים!**

אדרבה, מער און מער, עס האט נישט קיין גבול, מען וועט מאכן רצונות וכיסופים אויף א גאנץ יאר פון פורים!

אוודאי, דרך אגב, עס איז סתם גוט צו וויסן, מען דארף וויסן אז מען דארף אויך שולט זיין אויף זיך, א מענטש דארף טרינקען אביסל ער זאל זיין מבוסם ביז עס וועפט אויס, אז עס וועפט אויס דער ביסום, טרינקט ער נאך אביסל, אזוי איז מען א גאנצער פורים מבוסם, און מען לערנט און מען דאוונט, מען פירט זיך (באופן) אז עס ווערט נישט צעשטערט דער סעודה, עס ווערט נישט צעשטערט קיין זאך. אז מען ווערט אזוי שיכור אז מען פארגעסט זיך אפצוהאלטן פון טרינקען למעלה מהמידה, ווערט מען אָן אינגאנצן די מוחין.

עס קען טאקע זיין, דאס איז דער פשט "חייב אדם לבסומי בפוריא"[עא]; א גאנצער פורים דארף מען זיין מבוסם'דיג, און ווען בין איך פטור? אויב עס איז דורכגעפאלן, עס איז געווארן 'עד דלא ידע' ביסטו פטור, 'חייב אדם לבסומי', 'מצוה לבסומי'. 'בסומי' איז טרינקען עס זאל זיין פרייליך, עס זאל זיין התרוממות המוחין, מען זאל קענען בענקען צום אויבערשטן, מען זאל קענען דאנקען דעם אויבערשטן, מען זאל זיך קענען באניייען לטובה, האבן הייליגע מחשבות, הייליגע דיבורים וואס גייט ארויס ביי שכרות. אבער אכטוג געבן ער זאל נישט ווערן פטור, ווייל אז ער וועט ווערן 'עד דלא ידע' וועט ער ווערן פטור. פארוואס זאל ער ווערן פטור? א גאנצן פורים דארף מען זיין מחוייב לבסומי, מען טרינקט אביסל, און אז מען שפירט

---

**עא.** מגילה ז' ע"ב.

אז די לבסומי גייט אביסל אויס, טרינקט מען נאך אביסל, מען ווארט, אדערווייל דינט מען דעם אויבערשטן 'בין מלכא למלכא'[עב].

על-כל-פנים, די זאך איז פארבונדן מיט נאך א זאך וואס די זאך איז א דבר קדוש מאד, א דבר וואס מען מעג זיך באנייען אין דעם בפועל ממש, בכל עת ורגע איז מען מצֻוה אויף דעם, מען זאל זיך באנייען בהשתוקקות וכיסופים, דביקות אין אויבערשטן, עס הויבט זיך אָן במחשבה, עס קומט ברצון, נאכער איז עס בפועל.

אבער עס מוז זיין אָן א לחץ, אָן א לחץ. אונז קענען נישט - **נאר בשמחה! נאר בשמחה! נאר בשמחה!**

מען פארדינט גארנישט, מען פארדינט גארנישט מיט עצבות!

## לאז גריסן דעם לויָתן...

מען זאגט[עג], מען האט געפרעגט אמאל א חכם, "פארוואס זעהט מען קיינמאל נישט קיין עצבות על פניך", זאגט ער, "גלויבט מיר, זינט איך בין געבוירן געווארן האט מיר עצבות נישט געטוהן קיין טובה!..." איך וועל מיך נישט חבר'ן מיט אים!

---

**עב.** עיין בספר אוסף אמרים (פורים, שיחה י"ג) מה שמורינו שליט"א מרחיב הדיבור בזה: חז"ל הקדושים אומרים: חייב איניש לבסומי בפוריא – שכל היום יהיה מבוסם, לשיר ולרקוד ולהיות בשמחה, לדבר להשי"ת ולהתגעגע אליו. אמרתי מקודם לחבירי היקר רבי בצלאל (פרידמאן) הי"ו זאל זיין געזונט און שטארק סדר השתיה בפורים: שותים כוס יין, המוח נתרומם, ובכח זה לרקוד ולשיר ולהיות בשמחה עד שהוא מרגיש שסר יינו והיין התנדף כבר, יש שוב מצוה של חיים איניש לבסומי, כי הרי היין הקודם הלך, ישתה עוד יין, וירקוד וישיר ויהתגעגע להשי"ת, ואם הוא חש שהיין התנדף, לוקח עוד מעט יין, על פי הנהגה זו יש לו פורים שמח כדת וכדין, וגם אין צריכים להקיא, וגם אין את ההרגשה הלא טובה, אלא שמחים כל היום כולו. וזהו הכלל, שהשכרות של פורים צריכה לגרום ריקודים והמחאת כף ולרצונות להשי"ת.

**עג.** הובא בספר מבחר הפנינים - שער האמונה: "**אמרו לחכם, למה אין אנו רואין עליך סימן דאגה? אמר להם, מפני שלא קניתי דבר ופקדתיו ודאגתי עליו!**".

עס איז א מציאות, א מורא'דיגע זאך, עצבות האט דיר איינמאל געטוהן א טובה?! דו האסט קיינמאל נישט געהאט קיין טובה! ער רעדט דיר עפעס איין, דער בעל דבר רעדט דיר איין אז דו וועסט האבן א טובה, עס איז נישט ריכטיג, מיט שמחה איז מען פותר אלצדינג!

מען זאגט[עד], דער רבי ר' בונם מפרשיסחא איז אמאל געפארן אויפן ים. נו, חסידים אויפן ים, איז מען פריילִיך. בקיצור, א חסיד איז ארייגעפאלן אין ים, נו, איז געווארן א צעקה גדולה ומרה, א שרעקליכע זאך. האט מען דערציילט דעם רבי'ן, איז ער געגאנגען און געזאגט ער וויל עס זעהן, ער איז געגאנגען זעהן, זעהט ער ווי ער וואלגערט זיך נעבעך דארטן אין דער וואסער, האט ער אים ארייגעשריגן ער זאל געבן א גריס דעם לויתן... עס זעהט אויס ער וועט דערטרונקען ווערן, זאל ער געבן א גריס דעם לויתן. איז געווארן א גרויס געלעכטער. אבער דער אויבערשטער האט געהאלפן ער איז ניצול געווארן.

האט מען אים געפרעגט פארוואס (למה עשה ככה), האט ער זיי געזאגט, איך האב געזעהן אז מיט עצבות וועל איך שוין גארנישט מאכן, אפשר מיט שמחה וועט מען מאכן. מען האט שוין געפרואווט מיט עצבות, מען ווייסט שוין ווי אזוי עס איז אונז געגאנגען... לאמיר פרואוון מיט שמחה.

### זיין אויסערגעווענטליכע הצלחות

רבי יצחק מענדל כהן ע"ה[עה], האט דערציילט אז ביי אונזערע לייט האט מען גערעדט דעם ווארט, [איך געדענק שוין נישט צו פון

---

**עד.** הובא בשיח שרפי קודש (פולין) ערך 'שמחה' אות ט'; ובספר קול מבשר (פרשיסחא) ח"א על ישעיה נה, ח, עיי"ש.

**עה.** ה"ה **הרה"ח רבי יצחק מענדל** ב"ר ישראל יחיאל **הכהן ראטענבערג ז"ל**, עי' תולדותיו בקונטרס ג' – מאמר 'הוצאתיך מארץ מצרים' - הערה מז.

צוויי דורות צו דריי דורות צוריק], ער פלעגט אפט איבערזאגן דעם ווארט. עס איז געווען בשעת [נאפאליאן] איז זיך געגאנגען שלאגן מיט דער גאנצער וועלט, עס איז געווען אלטע קיסרים, מיט אלטע גענערעלער, תכסיסי קרב, מלומדי מלחמה, און ער איז געקומען, א נייער קיסר, און זיינע סאלדאטן האבן געקלאפט אין יעדן פראנט, זיי האבן אזוי מצליח געווען ביי די פראנטן, הפלא ופלא, עס איז בטל געווארן די אלטע פראנטן, די אלטע גענערעלער זענען בטל געווארן פאר זיי, זיי האבן איינגענומען א וועלט, ער האט געוואלט איינעמען דער גאנצער וועלט, די הצלחה איז אים געגאנגען למעלה מן המשוער[עו].

צדיקים האבן זיך פארלייגט אים אפצוהאלטן. דער הייליגער רבי האט אויך געוואלט ער זאל נישט איינעמען, ווייל ער האט געוואלט שטודירן די וועלט, מען האט מורא געהאט אז אידן וועלן נאכער נכשל ווערן בחכמת חיצוניות וואס וועט שאטן פאר אידן וואס נאכער וועט ווערן אזוי ווי אין דייטשלאנד.

על-כל-פנים, ער האט מצליח געווען זייער אסאך. די אלטע מלוכות האבן געזאגט אז מען מוז זעהן וואס איז דער סוד דא, מיר האבן די זעלבע סאלדאטן, מיר האבן בעסערע סאלדאטן, בעסערע געווער, בעסערע גענערעלער, פארוואס זענען זיי מצליח מער ווי אונז?

נו, אז די וועלט נעמט זיך צו א זאך, האט מען געפונען. האט מען געפונען אַן אינטערעסאנטע זאך. יעדע פלוגה (- בריגאדע) דארף דאך האבן עסן, טרינקען, אזעלכע סאלדאטן וואס באזארגן עסן, אזעלכע וואס באזארגן טרינקען, אזעלכע וואס באזארגן מלבושים, און נאך כהנה וכהנה, און אויך א קצין (- קאמאנדיר), מיט די אלע אפיצירן

---

**עו.** עיין חיי מוהר"ן אות ס"א: "וסיפר לו רבי נפתלי מה ששמע אז מענין **מלחמת הצרפת** שהיה באותן העתים. ואז באותה השיחה **היינו מתפלאים ומתמיהים על גודל התנשאות שנתנשא כל כך פתאום**, כי היה בתחילה עבד פשוט ונעשה קיסר. ודיברנו עמו אז מענין זה".

דארטן וואס יעדער פלוגה דארף דאס האבן. האט מען געזעהן נאך א זאך וואס איז ביי אים געווען די חשוב'סטע זאך, די חשוב'סטע זאך איז דאס ביי אים געווען, ער האט נישט דורכגעלאזט א פלוגה אָן א משמח, אָן א קלעזמיראנט, אַן ארטיסט, ער האט נישט צוגעלאזט! ער האט מקבץ געווען די אלע משמחים אויף דער וועלט און ער האט זיי געגעבן גרויסע שטעלעס, ער האט נישט צוגעלאזט קיין ווינקל אָן שמחה.

אין די אנדערע פלעצער איז מען געלעגן חדשים אין די מדבריות מיט פחד מיט איומים, מיט "תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב", איום ונורא, און דא ביי אים האט מען געטאנצן און געזינגען, מען איז געווען פריילין, משונה'דיג פריילין. אז עס איז געקומען ביים פראנט האבן זיי געקלאפט על תולה ארץ.

האבן צדיקים געזאגט: "**ווער האט עס אים מגלה געווען פון הימל דעם סוד אז מיט שמחה נעמט מען איין פראנטן?!**" [עז]

## געגעבן משלוח מנות נאך פאר פורים

איך וויל פארציילן א מעשה, עס איז געווען אמאל א איד [פון דער מעשה איז שוין דא א פינף-און-פערציג יאר, דעמאלט איז מען געווען פינף-און-דרייסיג מן הסתם], אין די רעסטוראנטן איז שוין דעמאלט געווען עופות צלויים, אבער מיר האבן דעמאלט נישט געוואוסט פון אזא זאך פון בראטן אַן עוף, מיר האבן נישט געוואוסט פון אזא זאך קיינמאל, עס איז שוין געווען, אבער אַן עוף האט נאכנישט זוכה געווען צו קומען צו מיר איך זאל עס מתקן זיין, נישט איינגאנצן, מאכן א גל של עצמות... "חֲדָא דַּלְיָא אַטְמָא, וְחַדָא דַּלְיָא

---

**עז.** לציין מה שמובא בשיח שרפי קודש (החדש, ברסלב) ח"ג, אות שס"ה: "פעם אחת שיבח רבינו את החיל של מלכות רוסיה, ואמר: "**דערפאר נעמען זיי איין די מלחמות, ווייל זיי זענען פריילין!**"; כי היה זה דבר ידוע, שהחילים הרוסים שמחים יותר מאנשי חיל אחרים".

גַּדְפָּא"... ווייסט דאך ווי עס שטייט, ביי 'רבה בר בר חנא'[עח], איך האב עס נישט געהאט דעמאלט.

איז געווען א איד, ער האט געהייסן 'ר' שמעון רובין', גייט ער אריין אין א רעסטוראנט וואס דארטן האט זיך געדרייט אט דער געבראטענער עוף, ער קויפט אַן עוף, ער טרעפט מיר אין גאס, ער קומט צו צו מיר, "איך גיב דיר דאס משלוח מנות". עס איז געווען אפאר טעג פאר פורים, ער גיט מיר משלוח מנות...

זאג איך אים, "ערשט משלוח מנות? מען איז נישט יעצט מקיים מצות משלוח מנות". האט ער מיר געזאגט, "צדיקים זאגן[עט], עס שטייט[פ]: 'מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג בי"ד בט"ו', אז פון י"א ליינט מען שוין אין הימל מגילה אלע טאג; אז מען ליינט שוין מגילה אויבן אין הימל דארף מען שוין גיבן משלוח מנות"... עס איז געווען דעמאלט, י"א צו י"ב, האט ער מיר שוין געגעבן משלוח מנות.

רבותי, עס איז שוין י"א, מען ליינט שוין די מגילה, איז אויף דעם וועל איך זיך דינגען מיט אים אז מען דארף מקיים זיין משלוח מנות, אבער פרייליך מעג מען זיין...

---

**עח.** בבא בתרא עג ע"ב (עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו').

**עט.** עיין פרי צדיק – פורים אות א': "תני כח דברי סופרים שנתנו כח לבני הכפרים שאף שקורין בי"א או בי"ב או בי"ג **מכל מקום יהיו להם כח זה להיות נקראת מלמעלה** ויזכו להאור".

**פ.** משניות מגילה פ"א, מ"א.

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד ידידינו החשוב, הרבני הנכבד, איש ישר וטוב לב,
הרבה פעלים לתורה ולתעודה

## מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בתו למעז"ט בשעטו"מ

עב"ג

**הבה"ח החשוב הלל הכהן נ"י**

**בן מוה"ר אשר צבי מאיר הכהן ליעבערמאן הי"ו**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיהיה קשר של קיימא ובנין עדי עד, שמחה ונחת כל הימים מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, אמן.

# לזכרון בהיכל ה'

## לע"נ הרה"ח ר' **שבתי** ב"ר **דוד** ע"ה

נפטר ביום י"ז אדר

הונצח ע"י בנו מוה"ר **יונה ליפשיץ** הי"ו

*

## לע"נ הבה"ח **שלום דוב** ע"ה ב"ר **משה** הי"ו (הירש)

נפטר בטו"ב ימיו, ביום י"ט אדר

# יאמץ לבך

די מגילה איז נישט קיין אלטע מעשיות; ביי יעדן איינער וואס זיצט דא טוט זיך די מגילה!

ביי יעדן איינעם טוט זיך די גאנצע ישועה פון די מגילה!

לכל זרעו!

מען דארף וויסן **״מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור״**

**אבער יעדער דור איז כובש! יעדער דור איז כובש!**

עס ווערט געבראכט אז ווען **״ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו״**, זאגט דער אלשיך אז ער האט געהאט חלישת דעת, ווייל ער האט נישט געענדיגט. **״ושים באזני יהושע״** – ער (יהושע) האט יא געענדיגט! ער האט אויפגעטוהן! נאר דורך ׳דיר׳ וועט זיין מחה, דורך ׳דיר׳ וועט זיין אמחה!

**יעדן דור וואס מען טוט אין מחית עמלק האט מען א חלק אין אמחה דעם עמלק׳ן!**

(מתוך דברות קודש בסעודת פורים שנת תש״ס לפ״ק)